**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט אנהויב פון די עקסטרעמע היץ געצייג קרעדיט**

***פראבע פראגראם שטיצט בארעכטיגטע קליינע ביזנעסער צו באשיצן זייערע ארבעטער פון די אפעקטן פון עקסטרעמע היץ***

***קרעדיט העלפט אדרעסירן די פארבינדונג צווישן עקסטרעמע היץ און ארבעטער געזונטהייט און זיכערהייט, ווי ארויסגעברענגט דורך NYSIF'ס [2024 באריכט]()***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די אנפאנג פון די ניו יארק סטעיט אינשורענס פאנד (New York State Insurance Fund, NYSIF)'ס נייע עקסטרעמע היץ געצייג קרעדיט (Extreme Heat Equipment Credit). די קרעדיט העלפט קוואליפיצירנדע ביזנעסער באשיצן זייערע ארבעטער דורך איינקויפן פערזענליכע באשיצנדע געצייג ( personal protective equipment, PPE) און סופלייס וואס זענען געאייגנט צו מינימיזירן די אפעקטן פון אויסגעשטעלטקייט צו היץ.

"עקסטרעמע וועטערן זענען שוין לײדער געווארן נארמאל, און דא אין ניו יארק, טוען מיר פריאריטיזירן ריסאורסעס צו העלפן אונזערע קליינע ביזנעסער און ארבעטער לענגאויס דעם סטעיט," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "עס קומט זיך פאר אונזערע שווער-ארבעטנדע איינגעשטעלטע לענגאויס דעם סטעיט צו האבן צוטריט צו די נויטיגע בעניפיטן אין פעלער פון היץ-פארבינדעטע קרענק, ספעציעל די וואס ארבעטן אינדרויסן פאר לאנגע שעות."

מיט דעם וואס 2024 איז געווען די הייסטע יאר אויף'ן רעקארד, און יעדער איינס פון די יארן צווישן 2015-24 זענען געווען צווישן די 10 הייסטע יארן אויף'ן רעקארד, זענען שטייגנדע טעמפעראטורן געווארן א קריטישע ארבעטס געפאר פאר פילע אינדוסטריס. עקסטרעמע היץ קען פירן צו היץ-פארבינדעטע קרענק א שטייגער ווי היץ סטראוק און היץ פארמאטערטקייט, און קען פארשווערן עקזיסטירנדע געזונטהייט פראבלעמען ווי אטעמא, נירן קראנקהייט, אדער הארץ קראנקהייט. אויסגעשטעלטקייט צו עקסטרעמע היץ קען אויך שטערן קאגנעטיוו און מאטאר פונקציאנירונג, העכערנדיג די ריזיקע פון עקסידענטן אויף'ן דשאב.

די NYSIF עקסטרעמע היץ געצייג קרעדיט איז עוועילעבל פאר קליינע ביזנעסער — ביז 10 איינגעשטעלטע — אין מעניופעקטשערינג, ווערהאויזינג, קארפענטרי, לענדסקעיפינג און פארמינג; אינדוסטריס אין וועלכע ארבעטער ווערן אפטמאל אויסגעשטעלט צו עקסטרעמע טעמפעראטורן. די ביזנעסער קענען באקומען אן איינמאליגע קרעדיט פון 1,000 דאלאר אדער 10 פראצענט פון זייער יערליכע ארבעטער'ס פארגיטיגונג פרימיום, וועלכע פון די צוויי איז וויניגער, צו ניצן פאר די קאסטן פון איינקויפן PPE געאייגנט צו באשיצן ארבעטער פון די אפעקטן פון עקסטרעמע היץ.

די הײנטיגע איניציאַטיוו איז די לעצטע אין די NYSIF'ס פאַרפליכטונג צו שטיצן אַרבעטער זיכערהייט און באַקעמפן די אַפעקטן פון קלימאַטן טויש. NYSIF האָט לעצטנס אויסגעברייטערט איר [קלימאַט עקשען פרימיום קרעדיט (Climate Action Premium Credit)](#) פאַר נאָך פּראַװײדערס פון העלט קעיר, ווי אויך פאַר ענטיטיס וואָס זענען פאַרמישט אין די מעדיצינישע סופּליי טשעין. די פּראָגראַם שטעלט צו פינאַנציעלע אינצענטיוון און טעכנישע הילף פאַר קלימאַט עקשען פּלאַנירונג און איינפירונג.

זאַכן וואָס זענען באַרעכטיגט צו קויפן אונטער די NYSIF עקסטרעמע היץ געצייג קרעדיט פּראָגראַם נעמט אַריין, אָבער איז נישט באַגרעניצט צו, פענס, ווענטילאַציע סיסטעמען, אַפּקילונג וועסטלעך, האַרטע הוטן מיט ווענטילאַציע, זיכערהייט גלעזער וואָס בלאָקירן UV שטראַלן, און אַפּקילונג האַנטוכער. NYSIF פּאָליסי-האַלטער וואָס זענען באַרעכטיגט קענען זיך איינגעבן פאַר די קרעדיט אויף די NYSIF וועבזייטל אויף [nysif.com/ppe](#).

**ניו יאָרק סטעיט אינשורענס פאָנד עקזעקיוטיוו דירעקטאָר און CEO Gaurav Vasisht (גאַראַוו וועסישט) האָט געזאָגט,** "אין די צייט וואָס עקסטרעמע היץ ווערט אַלס אָפטער און שווערער, איז עס קריטיש וויכטיג אַז אַרבעטסגעבער זאָלן צושטעלן באַשיצנדע געצייג און זיכערהייט עקוויפּמענט פאַר אַרבעטער צו מינימיזירן געפאַרן. די פּראָגראַם איז געאייגנט געוואָרן פאַר קליינע ביזנעסער וואָס האָבן מעגליך נישט די ריסאָורסעס וואָס גרעסערער פירמעס האָבן צו העלפן אַרבעטער זיך האַלטן פאַרזיכערט און פּראָדאַקטיוו אין די מערסט פאַרלאַנגנדע און הייסע אַרבעט סביבות."

**ניו יאָרק סטעיט אַגריקאַלטשער קאָמישענער Richard A. Ball (ריטשאַרד א. באָל) האָט געזאָגט,** "אין די צייט וואָס מיר טוען ווייטער זעהן א העכערונג אין עקסטרעמע היץ לענגאויס ניו יאָרק, קען צוגרייטונג, קאָמיוניקאַציע און אַנדערע מאָסנאַמען ראַטעווען לעבנס. עס איז קריטיש וויכטיג אַז מיר זאָלן אַרבעטן צוזאַמען צו צושטעלן גענוג און נאָך ריסאָורסעס פאַר פאַרמער צו פאַרשטערקערן זייערע שטאַנדהאַפטיגקייט און פאַרזיכערן אַז זייערע אַרבעטסקראַפט — וואָס אַרבעט בעיקר אינדרויסן — בלייבט פאַרזיכערט. די איניציאַטיוו פון אונזערע מיטאַרבעטער ביי NYSIF איז א געוואַלדיגע שריט אינעם ריכטונג פון האַלטן ניו יאָרקער פאַרזיכערט אין די היצן, און איך מוטיג אַלע באַרעכטיגטע ביזנעסער זיך איינצוגעבן."

**ניו יאָרק סטעיט אָפּטיילונג פון ענווייראָנמענטאַלע קאָנסערוואַירונג (Department of Environmental Conservation, DEC) קאָמישענער Amanda Lefton (אַמענדע לעפטאָן) האָט געזאָגט,** "DEC און אונזערע סטעיט און לאָקאַלע מיטאַרבעטער זענען פאַרפליכטעט צו אַדרעסירן עקסטרעמע היץ געטריבן דורך די קלימאַט קריזיס בשעת'ן אידענטיפיצירן שריט צו העלפן האַלטן אונזערע קאָמיוניטיס פאַרזיכערט און געזונט. לויט די אָנווייזונגען פון גאַווערנאָר Hochul (האָקול), טוט DEC אַרבעטן איינצופירן די עקסטרעמע היץ עקשען פּלאַן מיט אונזערע אַגענטור מיטאַרבעטער דורך פּראָאַקטיווע סטראַטעגיעס און סיי לעזונגען צו העלפן אַדרעסירן עקסטרעמע היץ. NYSIF'ס עקסטרעמע היץ געצייג קרעדיט געבט צו די באַמיאונגען דורך העלפן קליינע ביזנעסער באַשיצן זייערע אַרבעטער, בעיקר די וועלכע זענען אָפּטמאָל אויסגעשטעלט צו עקסטרעמע טעמפּעראַטורן, פון עקסטרעמע היץ און שווערע וועטער, לענגאויס ניו יאָרק סטעיט."

**ניו יאָרק סטעיט געזונטהייט אָפּטיילונג (Department of Health) קאָמישענער Dr. James McDonald (דאָקטאָר דזשעימס מעקדאָנעלד) האָט געזאָגט,** "עקסטרעמע היץ קען שטעלן לעבנס אין געפאַר, אַפּילו פאַר געזונטע מענטשן און ספּעציעל פאַר די מיט עקזיסטירנדע געזונטהייט פּראָבלעמען ווי אַטסמאַ. די פּראָגראַם קען העלפן פאַרזיכערן אַז קליינע ביזנעסער קענען שטיצן א פאַרזיכערטע ענווייראָנמענט פאַר זייערע איינגעשטעלטע דורכאויס די הייסטע חדשים פונעם יאָר."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר אפטיילונג (Department of Labor) קאמישענער Roberta Reardon (ראבערטא ריערדאן) האט געזאגט,** "הויך-שטייגנדע טעמפעראטורן קענען זיין געפארפול און אפילו טויטליך, ספעציעל פאר די וואס ארבעטן אינדרויסן. איך מוטיג בארעכטיגטע קליינע ביזנעסער אויסצוניצן די נייע עקסטרעמע היץ געצייג קרעדיט צו קויפן פערזענליכע באשיצנדע געצייג און סופלייס צו מינימיזירן די אפעקטן פון אויסגעשטעלטקייט צו היץ פאר זייערע איינגעשטעלטע. מיר מוזן האלטן אונזערע ארבעטער פארזיכערט בשעת'ן מאכן ניו יארק פאר א געזונטערער, מער פארזיכערטע פלאץ וואו צו וואוינען און ארבעטן. איך טוה אויך דערמאנען אלע ארבעטסגעבער איבערצוקוקן אונזער [עקסטרעמע היץ אנווייזונגען](#) צו בעסער פארשטיין וויאזוי צו באשיצן זייערע ארבעטסקראפט."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority) פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דארין מ. העריס) האט געזאגט,** "זיכער מאכן אז ארבעטער האבן צוטריט צו פאסיגע באשיצנדע געצייג און סופלייס דורכאויס תקופות פון עקסטרעמע היץ איז גאר וויכטיג פאר זייערע געזונטהייט און פאר א פארזיכערטע ארבעטס ענווייראנמענט. איך טוה אויסלויבן די ניו יארק סטעיט אינשורענס פאנד פאר'ן צושטעלן די געצייג קרעדיט, וואס איז איינער פון די פילע ריסאורסעס וועילעבל פאר ביזנעסער צו פארמינערן אויסגעשטעלטקייט און פארמינערן געפארן ווען טעמפעראטורן זענען געפארפול הויך פאר לאנגע שטרעקעס אויף א מאל."

**ניו יארק סטעיט ארבעטער'ס פארגיטיגונג באורד (Workers' Compensation Board) Clarissa M. Rodriguez (קלעריסע מ. ראדריגיועז) האט געזאגט,** "באשיצן ארבעטער פון די געפארן פון עקסטרעמע היץ איז די ריכטיגע זאך צו טוהן און איז אלעמאל גוט פאר ביזנעס. איך טוה אפלאדירן NYSIF פאר'ן אנטוויקלען דעם פראגראם וואס העלפט ארויס סיי קליינע ביזנעסער און סיי די אייגנעשטעלטע וועלכע ארבעטן פאר זיי."

**די ביזנעס קאונסיל (The Business Council) פון ניו יארק סטעיט פרעזידענט און CEO Heather Mulligan (העטער מאליגען) האט געזאגט,** "פעדעראלע געזעץ פאדערט פון אלע ארבעטסגעבער צוצושטעלן אן ארבעטנדע ענווייראנמענט וואס איז פריי פון אנערקענטע געפארן וואס קענען פאראורזאכן ערנסטע שאדן אדער טויט. ניו יארקער ארבעטסגעבער זענען פירער אין באשיצן זייערע ארבעטער פון די געפארן, אריינגערעכנט אויסגעשטעלטקייט צו עקסטרעמע טעמפעראטורן. דורך צושטעלן די ניו יארק סטעיט אינשורענס פאנד עקסטרעמע היץ געצייג קרעדיט, טוט NYSIF פארשטערקערן איר פארפליכטונג צו שטיצן ניו יארקער ארבעטסגעבער מיט די ארבעט. מיר מוטיגן אלע בארעכטיגטע ביזנעסער אויסצוניצן די קרעדיט צו ווידער-אינוועסטירן אין זייערע קליינע ביזנעסער."

**סטעיט סענאטאר Sean Ryan (שאן רייען) האט געזאגט,** "אין די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, טוען מיר אלעמאל זוכן פאר נייע, שעפערישע וועגן צו שטיצן די קליינע ביזנעסער וועלכע טרייבן אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע. צוליב דעם וואס טעמפעראטורן שטייגן, מוזן מיר פארזיכערן אז די וואס זענען איינגעשטעלט אין קליינע ביזנעסער אין אויסגעשטעלטע מקצועות קענען ארבעטן אין פארזיכערטע געזונטע אומשטענדן. איך דאנק NYSIF און גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן שטיצן דעם פלאן צו באשיצן ארבעטער און אינוועסטירן אין קליינע ביזנעסער לענגאויס דעם סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד Al Stirpe (על סטערפי) האט געזאגט,** "אין די צייט וואס טעמפעראטורן שטייגן ווייטער, פעלט זיך גאר שטארק אויס צו שטעלן אונזערע ארבעטער ערשט. די עקסטרעמע היץ געצייג קרעדיט פארזיכערט אז ארבעטער אין די מערסט היץ-אויסגעשטעלטע אינדוסטריס קענען זיך האלטן פארזיכערט און געזונט בשעת'ן ארבעט. נישט נאר וועלן וויינגער איינגעשטעלטע זיין אין געפאר פון עקסידענטן בשעת'ן ארבעט און לאנג-טערמיניגע געזונטהייט אפעקטן, נאר קליינע ביזנעסער וועלן אויך באקומען די ריסאורסעס וואס זיי דארפן צו קענען אנגיין מיט די ארבעט דורכאויס עקסטרעמע היצן.

טראצט די אין-איין-וואקסנדע געפאר פון קלימאטן טויש, טוט ניו יארק סטעיט בלייבן פארפליכטעט צו באשיצן די פרנסה און וואויל-זיין פון אונזערע ארבעטער."

**אסעמבלי מיטגליד Marianne Buttenschon (מעריען באטענשאון) האט געזאגט,** "אונזערע קליינע ביזנעסער טוען זיך נאך אלס מוטשענען. די עקסטרעמע היץ שטייער קרעדיט פראגראם וועט ארויסהעלפן אונזערע קליינע ביזנעסער. איך בין דאנקבאר פאר'ן גאווערנאר פאר'ן נעמען שריט צו שטיצן אונזערע קליינע ביזנעסער און די וואס ארבעטן פאר זיי."

**איבער NYSIF**

NYSIF איז די גרעסטע ארבעטערס' פארגיטיגונג אינשורער אין ניו יארק סטעיט און צווישן די צען גרעסטע אינעם לאנד. NYSIF דעקט 2 מיליאן ארבעטער און שטעלט צו אינשורענס פאר 200,000 ארבעטסגעבער אין ניו יארק סטעיט. NYSIF'ס מיסיע איז צו אונטערנעמען די גרייטקייט פון ארבעטערס' פארגיטיגונג, דיסאביליטי אינשורענס און באצאלטע פאמיליע אולויב אויף די ביליגסטע קאסט פאר ניו יארקער איינגעשטעלטע און אינעם זעלבן צייט אנהאלטן א גוטע פאנד. זייט איר גרינדונג פאר 110 יאר צוריק, האט NYSIF ערפולט די מיסיע דורך זיך פארמעסטן מיט אנדערע אינשורענס פירמעס צו פארזיכערן א יושר'דיגע מארקפלאץ בשעת'ן דינען אלס א פארזיכערטע מקור פון דעקונג פאר ארבעטסגעבער וועלכע קענען נישט באקומען דעקונג פון א צווייטע פלאץ. NYSIF שטרעבט צו ערגרייכן די בעסטע געזונטהייט רעזולטאטן פאר פארוואונדעטע ארבעטער און זיין אן אינדוסטרי פירער אין פרייז, קוואליטעט, און סערוויס פאר ניו יארקער ארבעטסגעבער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט nysif.com.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן